11 אַנצוּרירן. און די אוּמריינע גייסטער, ווען זיי
האָבן אים געזעען, זענען אַנידערגעפֿאַלן פֿאַר אים,
און האָבן געשריגן, אַזוי צו זאָגן: דו ביסט דער
12 בן־אלהים! און ער האָט זיי שטרענג באַפֿוילן, אַז
זיי זאָלן אים נישט מגלה זיין.
13 און ער איז אַרויפֿגעשטיגן אויף דעם באַרג, און
האָט גערופֿן צו זיך די, וועלכע ער האָט געוואָלט;
14 און זיי זענען געקומען צו אים. און ער האָט
באַשטימט צוועלף, אַז זיי זאָלן זיין מיט אים, און
15 כדי ער זאָל זיי אַוועקשיקן צו דרשענען, און צו
16 האָבן רשות אַרויסצוטרייבן בייזע גייסטער. און
האָט באַשטימט אָט די צוועלף: שמעונען האָט ער
17 צוגעזעצט דעם נאָמען פּעטרוס; און יעקב בן זבדי,
און יוחנן, יעקבס ברודער, און זיי האָט ער צוגעזעצט
דעם נאָמען בני רגוש, דאָס הייסט זין פֿון דונער;
18 און אַנדריי, און פֿיליפּוס, און בר תּלמי, און מתּי,
און תּומא, און יעקב בן חלפֿי, און תּדי, און שמעון
19 הקנאי, און יהודה איש קריות, וועלכער האָט אים
אויך פֿאַרראַטן.
20 און ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ הויז. און עס איז
זיך ווידער צוזאַמענגעקומען אַ המון־מענטשן, אַזוי
21 אַז זיי האָבן אַפֿילו נישט געקענט עסן ברויט. און
ווי זיינע קרובים האָבן דאָס געהערט, זענען זיי אַרויס־
געגאַנגען אים כאַפּן, וואָרום זיי האָבן געזאָגט:
22 ער איז אַראָפּ פֿון זינען. און די סופֿרים, וואָס
זענען אַראָפּגעקומען פֿון ירושלים, האָבן געזאָגט:
ער האָט דעם בעל זבוב; און דורך דעם שר פֿון
די בייזע גייסטער טרייבט ער אַרויס די בייזע
23 גייסטער. און ער האָט זיי גערופֿן צו זיך, און
גערעדט צו זיי מיט משלים: וויאַזוי קען דער שטן
24 אַרויסטרייבן דעם שטן? און אויב אַ מלוכה איז